בעזהשי"ת

ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אִידִיש

מִקֵץ

תשע"ט

היכל הקודש

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:


**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
**845-243-0563**

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Bloominggrove
24 Merriewold Ln S
**845-379-1161**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
**347-733-7551**

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהתייסדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359


**Visit Our Web Site:**
**www.breslevcenter.com**
לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at: amazon.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-248-1651**

**א טובה טון א צווייטן, נאר דאס בלייבט פונעם מענטש.**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת וישב, י"ז כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערע ... נרו יאיר.**

איך דאנק דיר פארן העלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אין זכות פון די מצוה זאלסטו מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

איך בין יעצט אויפן וועג קיין אומאן; איך בין היינט געוועזן אין יבניאל ביי דיין ברודער האברך ... נרו יאיר, ער האט צוגעגרייט א פרישטאג פאר מיר און פאר מיין משפחה. איך האב זייער הנאה געהאט צו זיין ביי אים אין שטוב, זיין גאנצע לעבן איז הפצה.

הלוואי זאלסטו אויך עוסק זיין אין הפצה; מיר לעבן נישט אויף צו לאנג, די גאנצע לעבן פון א מענטש איז א קארגע זיבעציג יאר, און דאס ביסל יארן וואס מיר לעבן איז פול מיט עגמת נפש און יסורים. וואס בלייבט אבער יא פונעם גאנצן מענטש? א טובה וואס מען האט געטון פאר א צווייטן איד, דאס וואס מען האט אריינגעשיינט אין א צווייטן איד אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט וכו'.

דעריבער וויל איך דיר מחזק זיין אז דו זאלסט עוסק זיין אין הצפה, אזוי וועסטו אויך האבן שפע און דו וועסט קענען ארויס גיין פון דיינע חובות.

ווי לאנג נעמט צו לערנען איין פרק משניות? צוויי מינוט, דריי מינוט; נו פארוואס זאלסטו נישט ארויסכאפן אינמיטן דיינע געשעפטן א פרק צוויי, דורכדעם וועט דיר גוט זיין אויף די וועלט און אויף יענע וועלט.

דיין ראש ישיבה.

...

~~~~~~~~~~~

**חנוכה איז א יסוד אין חינוך.**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת וישב, י"ז כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערע ... נרו יאיר.**

יישר כח פארן ארויסהעלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז אין דעם זכות זאלסטו האבן הצלחה אין אלע ענינים.

יעצט קומט שוין דער יום טוב חנוכה וויל איך דיר מחזק זיין אז דו זאלסט ענדיגן ארבעטן פרי און גלייך אהיים גיין כדי דיינע קליינע קינדער זאלן נאך זען פארן גיין שלאפן ווי דו צינדסט אן די הייליגע ליכטלעך.
~~~~~~~~~~~

חנוכה איז א יסוד אין חינוך; קינדער דארפן זען ווי דער טאטע צינדט די ליכט און זינגט זמירות ביי די מנורה.

עס איז א גרויסע זאך צו גיין אין מקוה פארן צינדן די מנורה, בפרט אויב מען איז בכלל נישט געווען יענעם טאג אין מקוה, אבער אויב דאס וועט אוועקנעמען די צייט פון צו זיין פרי אין שטוב ווען די קינדער זענען נאך אויף - דאן איז דאס נישט כדאי.

איך האף אז דו וועסט פאלגן וואס איך זאג דיר, וועסטו מצליח זיין מיט דיינע קינדער.

...

~~~~~~~~~~

**נישטא וואס צו טון פאר א שידוך, נאר תפלה.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת וישב, י״ז כסליו, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ליבער הארציגער ... נרו יאיר.**

מזל טוב פאר דיין שוועסטערס שידוך.

זייער קלוג האסטו געטון אז דו האסט פארגעשלאגן פאר דיינע עלטערן אז זיי זאלן אויסהערן שידוכים פאר דיינע שוועסטערס בשעת וואס דו האסט נאכנישט זוכה געווען צו טרעפן דיין זיווג; איין שוועסטער האט שוין חתונה געהאט, יעצט איז נאך א שוועסטער א כלה געווארן, און אם ירצה ה׳ יעצט וועט קומען דיין רייע צו טרעפן דיין שידוך.

אחי היקר, עס איז נישט דא וואס צו טון ווען עס קומט צו טרעפן א שידוך - נאר תפילה, נאכאמאל תפילה, נאכאמאל תפילה און ווארטן און האפן לישועת ה׳.

איך בעט דיר טייערער ברודער קום אין ישיבה; האלט זיך יונג און פריש. איך ווארט יעדן טאג אויף דיר, קוק נישט אויף דעם אז עס איז נאר געבליבן יונגע בחורים, קום צו מיר און קוק נישט אויף קיינעם; ווילאנג דו האסט חיזוק פון דיין ראש ישיבה זאל דיר גארנישט אנגיין.

איך בין יעצט אין הימל העכער די וואלקענעס; איך שרייב דיר פונעם עראפלאן אויפן וועג קיין אומאן צום רבינ׳ס ציון וואו איך וועל דאווענען פאר דיר, אבער האלט זיך שטארק.

איך דאנק דיר פארן ארויסהעלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; אין דעם זכות זאלסטו האבן הצלחה אין אלע דיינע ענינים.

...

~~~~~~~~~~

**מ׳דארף זיי מאכן אינטערעסאנט דאס לערנען.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת וישב, י״ז כסליו, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

א גרויסן יישר כח פארן ארויסהעלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אין דעם זכות זאלסטו מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

איך בין יעצט אויפן וועג קיין אומאן וואו איך פאר מיט מיין ווייב און קינדער צו מתפלל זיין ביים הייליגן רבינ׳ס ציון; איך וועל דארט מתפלל זיין פאר דיר אז דו זאלסט מצליח זיין.

שטארק דיר און זיין ממשיך מיט דיין התמדת התורה; איך האב גרויס נחת יעדעס מאל ווען איך קום אין ״כולל היכל הקודש״ און איך זע ווי איר לערנט בהתמדה רבה. איך האף אז נאך אינגעלייט וועלן קומען לערנען אין כולל; אפילו די אינגעלייט וואס ארבעטן דורכן טאג זאל קומען כאטשיג פאר אביסל לערנען די הייליגע תורה, ווייל נאר דאס ביסל תורה וועט איבער בלייבן פון אונז.

איך קום יעצט פון יבניאל וואו איך האב געהערט פון די אינגעלייט אז מוהרא״ש האט זייער שטארק געוואלט אז יעדער איינציגער אינגערמאן זאל קומען לערנען - אפילו נאר אביסל.

דער עיקר זאלסטו זען צו לערנען מיט די בחורים הלכה למעשה; הייב אן מיט זיי ״טור״, נאכדעם זאלסטו לערנען מיט זיי אביסל ״בית יוסף״ כדי זיי צו אויסלערנען ווי אזוי מען לערנט א שטיקל ״בית יוסף״, אבער עס פעלט נישט אויס צו לערנען יעדע שטיקל וכו׳ כדי עס זאל זיי זיין אינטערעסאנט. קודם דארף מען זיי ארייגעבן די אפעטיט דערצו אז זיי זאלן הנאה האבן פונעם לימוד, און נאכדעם זאלסטו לערנען מיט זיי מחבר, רמ״א, טורי זהב און מגן אברהם ביז הלכה למעשה. עס פעלט אבער נישט אויס צו לערנען יעדע איינציגע שטיקל, מען דארף גיין מן הקל אל החמור.

איך וועל נאך רעדן מיט דיר פנים אל פנים.

שטארק דיר און זיי ממשיך אין דיין עבודת ה׳ בבחינת מוסיף והולך.

...

~~~~~~~~~~~

**נישט צוטון מאכן פון די בלבולים.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת וישב, י״ז כסליו, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער... נרו יאיר.**
~~~~~~~~~~~

יישר כח פארן העלפן די ישיבה מיטן צושטייער געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז אין זכות פון די מצוה פון צדקה זאלסטו האבן הצלחה אין אלע ענינים.

איך האב דיר שוין געזאגט און איך שרייב דיר עס נאכאמאל: איך האלט און איין הערן פון אינגעלייט און בחורים אז זייער גאנצע לעבן נעמען פון זיין שבת ביי דיר און בית המדרש; א גאנצע וואךווארטן זיי נאר צו קומען שבת שעפן חיות ביי דיר אין בית המדרש.

אוודאי וועט דער סמ"ך מ"ם דיר מחליש דעת זיין מיט אלע סארט בלבולים, דעריבער דארפסטו וויסן אז אזוי דארף דאס גיין; ווער עס איז מחזק אידישע קינדער דריידט זיך אים דער קאפ מיט אלע סארט מחשבות. ער טראכט שטענדיג צו זיך: 'מען דארף מיך יא אדער מען דארף מיך נישט?' וכו' וכו', די עצה פאר דעם - זאגט דער הייליגער רבי - איז זיך נישט צוטון מאכן דערפון נאר ווייטער אנגיין אין עבודת ה' מיט די בלבולים (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן עב).

דיינע ווערטער זאלן נאר באשטיין פון התחזקות אויפן "סדר דרך הלימוד", אויף "התבודדות" און אינעם ענין פון "שלום בית", דורכדעם וועסטו האבן גרויס הצלחה.

דער עראפלאן שאקלט זיך זייער שטארק, דעריבער איז מיין שריפט נישט אזוי מסודר און איך דארף מקצר זיין, איך וועל דיר נאך שרייבן ווען איך קום אהיים בשלום.

איך וועל דיר מזכיר זיין ביים רבינ'ס ציון.

...

~~~~~~~~~~~

**בלייבן מיט בארד און פאות אפילו ווען מ'איז איינער אליין.**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת וישב, י"ז כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער תלמיד ... נרו יאיר.**

וואויל איז דיר אז דו שטארקסט זיך און דו גייסט אן מיט דיין אידישקייט אפילו דו ביסט איינער אליינס וכו'; ווען איך זע דיר מיט דיין צלם אלקים - דיין בארד און פיאות - בעט איך פאר דיר אז דו זאלסט בלייבן מיט דעם אפילו דו ביסט איינער אליינס אין דיין גאנצע משפחה.

איך בעט פאר דיר אז דו זאלסט שנעל טרעפן א גוטע שידוך אן ערליכע מיידל וואס וועט דיר העלפן זיין שטארק אויפצושטעלן א שטוב על דרך התורה.

איך פריי מיר יעדע תפילה וואס דו קומסט ארויף דאווענען שבת ביי אונז אין ישיבה; עס איז טאקע דא נענטערע שול'ן צו דיין שטוב ווי בית המדרש היכל הקודש,
~~~~~~~~~~~

אבער א תלמיד היכל הקודש דארף וויסן דאס חשיבות פון דאווענען אין א בית המדרש וואס רופט זיך אויפן רבינ׳ס נאמען.

יישר כח פארן העלפן די ישיבה מיטן צושטייער געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז אין דעם זכות זאלסטו האבן הצלחה אין אלע ענינים.

איך האב דיר זייער ליב.

...

~~~~~~~~~~

**גיי אהיים פרי צינדן די הייליגע מנורה.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת וישב, י״ז כסליו, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערע ... נרו יאיר.**

איך בין דיר זייער דאנקבאר פארן ארויסהעלפן די ישיבה מיטן צושטייער געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז אין דעם זכות זאלסטו מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

איך האב לעצטנס גרויס נחת פון דיר זעענדיג ווי דו לערנסט יעדן טאג דיינע שיעורים אין ישיבה.

ווייז די בריוו פאר דיין ווייב תחי׳, זי וועט הנאה האבן דערפון; א פרוי האט זייער הנאה צו זען און הערן אז איר מאן לערנט, די גאנצע לופט אין שטוב טוישט זיך צום גוטן.

יעצט קומט חנוכה זאלסטו אהיים גיין פרי צינדן די הייליגע מנורה און זינגען זמירות. אויך זאלסטו בעטן ביי די הייליגע ליכט פאר קינדער; ערליכע קינדער און הייליגע קינדער, ווי מער תפילה מען בעט פאר קינדער אלץ מער איז מען זוכה צו האבן וואוילע קינדער.

איך ווארט אויף דיר שבת ביים דאווענען ביי אלע תפילות; יעדע תפילה וואס דו קומסט פריי איך מיר. עס איז כדאי דו זאלסט קומען שבת אינדערפרי צום שיעור אין ספר ״פעולת הצדיק״; מיר לערנען עס פארן דאווענען, דער אייבערשטער געבט אונז אזעלכע שיינע דיבורים וואס מען הערט נישט אין קיין שום אנדערע פלאץ אויף דער וועלט; מען קען לעבן מיט דעם א גאנצע וואך.

...

~~~~~~~~~~

**מירון איז א פרייליכע פלאץ.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת וישב, י״ז כסליו, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער חבר ר׳ ... נרו יאיר.**

איך האב זיך אריבערגעכאפט אויף שבת קיין ארץ ישראל; דעם שבת איז אויסגעפאלן די ערשטע יארצייט פון מיין באבע עליה השלום וועלכע ליגט אין מירון, דערפאר בין איך געפארן מיט מיין ווייב און מיינע דריי עלסטע קינדער צו זיין ביי יארצייט.

אינעם ״ספר התולדות״ וואס איר האט מיר געשאנקען במתנה האב איך געזען שטיין אז דער פריערדיגער רבי דער ריי״ץ נשמתו עדן, ווען ער איז געווען אין מירון ביים ציון פון רבי שמעון בר יוחאי האט ער זיך אויסגעדרוקט מיט דעם לשון: מירון איז א פרייליכע פלאץ״. איך האב זיך דערמאנט פון דעם ווארט פרייטאג צו נאכטס ביים דאווענען אינעם מערה פון רבי שמעון, און איך האב דאס געשפירט.

אינטערעסאנט איז אז ווען דער רבי איז געווען אין מירון ביי זיין נסיעה קיין ארץ ישראל בשנת תקנ״ט איז ער געווען זייער פרייליך; ער האט זיך ארומגעדרייט אין די מערה מיט א מורא׳דיגע שמחה (עיין באריכות בשבחי הר״ן, סימן יט; פעולת הצדיק סימן רנט).

א גרויסן דאנק פארן העלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; איר ווייסט דאך אביסל וואס די פעולות פון ישיבה טוען אויף. אין חב״ד וואלט איך געווען א שליח, אבער ביי אונז אין ברסלב בין איך א שמש, איך בין משמש דעם רבי׳ן. דער אייבערשטער זאל אייך העלפן אז אין דעם זכות זאלט איר זען נחת ביי אייערע קינדער און אייניקלעך.

א ליכטיגן חנוכה.

אייער פריינד.

...

~~~~~~~~~~~

**עס איז נישט דא נאך א שיינע פלאץ אין גאנץ ארץ ישראל ווי ״יבנאל״.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת וישב, י״ז כסליו, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ליבער הארציגער ... נרו יאיר.**

איך דאנק דיר פארן העלפן די ישיבה מיטן צושטייער געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז אין זכות פון די מצוה פון צדקה זאלסטו האבן הצלחה אין אלע ענינים.
~~~~~~~~~~~

איך בין יעצט אויפן וועג אהיים פון ארץ ישראל וואו איך בין געווען אין יבניאל; וואס זאל איך דיר זאגן טייערער ברודער, עס איז נישט דא נאך א שיינע פלאץ אין גאנץ ארץ ישראל ווי "יבנאל" סיי ברוחניות און סיי בגשמיות.

אויב דו זוכסט א פלאץ וואו צו פארן מיט דיין ווייב וואלט איך דיר גע'עצה'ט צו פארן קיין יבנאל; נעם ארויס א דירה דארט, עס איז דא מנינים פון אינדערפרי ביז אויפדערנאכט מיט א מקוה, און א ציון וואו מען קען גיין פיר און צוואנציג שעה א טאג רעדן מיט מוהרא"ש און פועל'ן ישועות.

דאס וואס מענטשן רעדן אז מען קריגט זיך דארט וכו' איז שקר וכזב, דאס איז סתם הוצאת שם רע; עס איז ליידער דא א מיעוט דמיעוטא וואס זוכן מחלוקת וכו', דאס איז איבעראל דא און דאס איז אויך אנגעגאנגען בחיים חיותו פון מוהרא"ש. רוב רובם ככולם זענען ריינע ווואילע מענטשן - אמת'ע תלמידי היכל הקודש אן מחלוקת און אן פאליטיק.

מען שטייט אויף אינדערפרי צו גיין מאכן התבודדות אויפן בארג און ביים ציון, נאכדעם זענען זיי זיך קובע עתים לתורה און רוב טאג גייען זיי הפצה, זיי פארפלייצן די ספרים לאורכה ולרחבה פונעם גאנצן לאנד.

איך האב דארט תלמידים פון ישיבה, זיי זענען זיך מחי' דארט צו וואוינען; זיי גייען הפצה רוב טאג און מאכן אין איין טאג וואס א צווייטער אינגערמאן מאכט פון זיין פרנסה א גאנצע וואך - בלי גוזמא.

איך וועל אם ירצה ה' פארן דעם ווינטער מיט די בחורים און וויילן דארט א שבת, ווייל די לופט דארט איז זייער א קלארע ריינע לופט; ביי מיין יעצטיגע נסיעה בין איך געווען אין ירושלים און אין מירון וכו' וכו', אבער אזאנס ווי יבנאל איז נישט דא אין די גאנצע וועלט.

קיינער זאל מיר נישט פארקויפן וואס דער זאגט און וואס יענער זאגט שלעכטס אויף דעם פלאץ; כאילו עס צעפאלט וכו' (הי' לא תהי'); איך געדענק ווען איך בין דאס ערשטע מאל געווען אין יבנאל האב איך ממש געשפירט וואו איך בין אין "גן עדן העליון", איך האב זיך נישט געקענט פארשטעלן אין וויסטן חלום אז מען קען נעמען מענטשן און זיי ארויסטראגן פון דער וועלט זיי זאלן לעבן און אטעמען נאר אלוקית.

דעמאלט זענען צוגעקומען צו מיר די "מלאכי חבלה" און געזאגט: "זה לא פשוט מה שקורה פה", איז מיר גלייך אויפגעקומען אין געדאנק וואס די הייליגע חכמים זאגן (שקלים יד:) אז אין בית המקדש זענען געווען זיגלעך אויף די קרבנות פון די נסכים מיטן דאטום צוליב די פאפערס; לכאורה איז דאס שווער צו פארשטיין, 'אין בית המקדש זאלן מענטשן נישט האבן עפעס בעסערס וואס צו טון ווי צו גנב'נען אפאר שקלים פון

הקדש, פון ממון גבוה?' אדער די מעשה וואס חכמינו זכרונם לברכה דערציילן (משנה יומא ב, א) אז א כהן האט אראפגעשטיפט זיין חבר פון מזבח און יענער האט זיך צעבראכן די פוס; שטעלט זיך די קשיא: 'ער איז דאך יעצט אויפן הייליגן מזבח, מען דארף דאך זיין משוגע זיך אזוי אויפצופירן אויפן מזבח! ווי אזוי קען מען דאס פארשטיין?!' נאר פון דעם זעט מען אז מען קען זיך געפונען אין בית המקדש, אינעם עזרה, און אויפן הייליגן מזבח און מיט דעם אלעם זיין פארנומען מיט גנב'ענען געלט און זוכן כבוד; אזוי אויך קען מען זיין ביי א צדיק און זוכן כבוד, געלט און תאוות וכו'.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז אנשי שלומינו זאלן זיך ליב האבן איינער דעם צווייטן, יעדער איינער מעג טראכטן אויף זיין וועג, מען קען נישט צווינגען א צווייטן 'צו האלטן אזוי ווי מיר', יעדער זאל נעמען דעם רבינ'ס עצות אויף זיין וועג און זיך מחזק זיין דערמיט, דער עיקר מען זאל זיך נישט פיינט האבן.

דו געדענקסט אוודאי ווי מען פלעגט גיין טאג און נאכט צו מוהרא"ש רעדן שלעכטס אויף מיר און אויף מיינע תלמידים; געלויבט דעם אייבערשטן אז איך האב קיינמאל נישט פארציילט פאר מוהרא"ש וואס מען טוט מיט מיר, אפילו ווען ר' ... שליט"א האט געהאלטן א פייערדיגע דרשה ביי שלש סעודות און מיר אראפגעקלאפט ברבים אינאיינעם מיט אלע תלמידים מיטן אונז אנרופן "די שוואכע חבורה"; ער האט מסביר געווען ביים פארלערנען פאר א פולע בית המדרש אז "לעצטנס האט זיך היכל הקודש אויסגעשטעלט אלץ צוויי חבורות". עס איז אמת אז עס זענען געווען צוויי גרופעס וכו', אבער ער האט אויסגעפירט מיט די ווערטער: "איין חבורה עובדי ה'", מיט דעם האט ער זיך געמיינט, "און די צווייטע חבורה, די אינגעלייט מיט די בחורים, זיי זענען מער די שוואכערע חבורה"; אלע בחורים און אינגעלייט זענען באליידיגט געווארן, זיי האבן אלע געקוקט אויף מיר ווי אזוי איך רעאגיר, איך האב געלייגט דעם פינגער אויף מיין מויל ווי זיי צו ווייזן אז זיי זאלן גארנישט טון. קיינער פון אונז האט דאס נישט דערציילט פאר מוהרא"ש, נאר ר' ... נרו יאיר איז אליינס געגאנגען פארציילן פאר מוהרא"ש ווי אזוי ער האט גערעדט - ער האט דאך פארט געהאט אביסל את אין זיך - האט אים מוהרא"ש אנגעשריגן וכו' ואין כאן המקום להאריך; על כל פנים איך בין קיינמאל נישט געגאנגען צו מוהרא"ש קער צו נעמען פון אנדערע וכו'.

איך בעט דעם אייבערשטן איך זאל ווייטער ליב האבן יעדן תלמיד היכל הקודש און עס זאל ביי אונז מקוים ווערן דעם ווארט וואס דער הייליגער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן רצב): "הָעוֹלָם רָאוּי שֶׁיִּתְמְהוּ עַצְמָן עַל הָאַהֲבָה שֶׁבֵּינֵינוּ", די וועלט וועט זיך וואונדערן אויף די גרויסע ליבשאפט וואס הערשט צווישן אייך; מוהרא"ש האט געשריבן אן א שיעור בריוון און געוויינט אז יעדן דיבור פון רבי'ן איז מקוים געווארן אבער דער

דיבור נאכנישט, וויפיל האט מוהרא"ש געוויינט און געבעטן אז אין "היכל הקודש" זאל מען מקיים זיין דעם דיבור. איך האב אסאך מעשיות צו דערציילן ווי שטארק איך האב אכטונג געגעבן נישט צו מאכן קיין שום עסק פון די מחלוקת וואס איז אריבער אויף מיר, נאר טון ווייטער וואס מוהרא"ש האט מיר געהייסן.

איך האף אז דו וועסט זיך אריבערכאפן קיין יבנאל מיט דיין ווייב תחי'; גיי נישט מיט חברים, גיי נאר מיט דיין ווייב. די חברים וועם דו טאנצט נאך וועלן דיר די ערשטע באגראבן (אויב זיי האבן דאס נאכנישט געטון...); נעם דארט ארויס א דירה און יעדן טאג זאלסטו גיין צום ציון; זאלסט לערנען דיינע שיעורים און דאווענען ביים ציון אזוי ווי מוהרא"ש שרייבט אין די צוואה (סימנים ד-ה) אז ער וועט האבן א נחת רוח צו זען ווי מען לערנט און דאווענט ביי זיין ציון.

טייערער ברודער לעב מיט דיין ווייב מיט ליבשאפט; דו האסט א טייערע ווייב, זי איז דיר זייער געטריי; אז זי שרייט אמאל איז נישט עק וועלט, אז זי שרייט איז א סימן אז עס באדערט איר אז דו געבסט איר נישט וואס זי דארף וכו'.

דערפאר בעט איך דיר טייערער הארציגער ברודער, זיי קלוג; קום אהיים צו איר מיט א שמייכל, מיט א גוטווארט. א פרוי האט מער ליב דעם שמייכל פון איר מאן מער פון אלע טייערע מתנות, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (סוטה כא:): "רוֹצָה אִשָּׁה בְקַב וְתִפְלוּת מִתִּשְׁעָה קַבִּין וּפְרִישׁוּת", א פרוי האט מער הנאה פון א גוט ווארט ווי פון טייערע צירונג וכו' וכו'.

זיי מיר מוחל אז די שריפט איז נישט אזוי מסודר; דער פליגער שאקלט זיך און איך זיץ אויף דעם לעצטן זיץ נעבן די בית הכסא וואו מענטשן שטופן וכו'.

איך האב דיר ליב.

...

~~~~~~~~~~~

**די בעסטע פלאץ פאר וואקאציע, איז ביי מקומות הקדושים.**

**בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת וישב, י"ח כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר וזוגתו ... תחי'.**

א גרויסן יישר כח פארן ארויס העלפן די ישיבה מיטן צושטייער געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל העלפן אז אין דעם זכות זאלט איר האבן הצלחה אין אלע ענינים.

איך האב מיר זייער געפריידט אייך צו טרעפן אין אומאן ביים הייליגן רבינ'ס ציון; איר זאלט האבן גע'פועל'ט אלעס גוטס.
~~~~~~~~~~~

איר טוט זייער קלוג אז איר פארט אויף די מקומות הקדושים; די בעסטע פלאץ פאר מאן און ווייב צו פארן אויף וואקאציע איז צו מקומות הקדושים פועל'ן ישועות פאר זיך און פאר אלע אידן.

פון אייך זאלן זיך אלע לערנען אז מען זאל נישט פארן אויף פלעצער וואו עס איז נישט דא קיין יראת שמים, מען זאל פארן קיין ארץ ישראל נאר אויף הייליגע פלעצער; קיין ירושלים, מירון, צפת, טברי' און יבנאל וכו' וכו'.

דער עיקר מען זאל האבן אויסגעבעטן אלעס גוטס.

א ליכטיגן חנוכה.

...

~~~~~~~~~~

**אז מען פאלגט א צדיק, איז מען מרוויח גרויסע רווחים.**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת וישב, י"ח כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

איך בין דיר זייער דאנקבאר פארן ארויסהעלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז אין דעם זכות זאלסטו האבן הצלחה אין אלע ענינים.

איך זיץ יעצט אין די דירה וואס דו האסט מיר צוגעשטעלט אין אומאן; א גרויסן יישר כח פארן מיר מסדר זיין די נסיעה קיין ארץ ישראל און קיין אומאן, אלעס האט זיך אויסגעארבעט מיט גרויס סייעתא דשמיא.

איך וויל דיר זאגן א יישר כח פארן נעמען צוביסליך די געלט אויפן חשבון וכו', אזוי וועל איך דיר קענען באצאלן די גאנצע קאסט פון די נסיעה ביז א קורצע צייט.

מוהרא"ש זכרונו לברכה האט אונז געלערנט צו באצאלן א חוב צוביסלעך; ווער עס פרובירט דאס צו פאלגן איז זוכה ביז א קורצע צייט ארויס צו גיין פון אלע זיינע חובות. איך אליינס האב באצאלט איבער א מיליאן דאללער חובות פון די ישיבה נאר דורך באצאלן צוביסליך.

הכלל, אז מען פאלגט א צדיק, נישט נאר אז מען דערלייגט נישט, נאר מען איז נאך מרוויח גרויסע רווחים.

איך וועל מיר זייער פרייען אז דו וועסט דאווענען שבת אלע תפילות אין "היכל הקודש"; אויב מען האלט זיך מיט תלמידים פון רבי'ן איז מען נאכדעם זוכה צו גרויסע זאכן, אפילו עס איז נישט באקוועם וכו'.

איך האב אסאך צו דערציילן פון מיר אליינס ווי איך האב זיך מוסר נפש געווען צו דאווענען אין היכל הקודש אפילו עס איז בכלל נישט געווען אנגענעם וד"ל.
~~~~~~~~~~

איך האב דיר ליב.

...

~~~~~~~~~~

**מסדר זיין אלעס פאר די סקול.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת וישב, י״ח כסליו, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד מיין ליבער טייערער ... נרו יאיר.**

א גרויסן דאנק פארן העלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז אין זכות פון די מצוה פון צדקה זאלסטו מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

א גרויסן יישר כח פארן מיר ארום דרייוון אין ארץ ישראל; דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן האבן גע׳פועל׳ט אלעס גוטס, בפרט דו - זאלסט שוין זוכה זיין בקרוב צו שטיין אונטער די חופה און אויפשטעלן א שיינע שטוב בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות.

איך וויל דיר בעטן אויב דו קענסט מסדר זיין די סקול אויף מיטוואך נאכט ווען עס גייט אם ירצה ה׳ פארקומען אן ״אסיפת הורים״, אלעס זאל זיין גרייט און ריין.

רעד צו די מנהלת מרת ... תחי׳ און וואס זי בעט זאלסטו צושטעלן; זי איז א מתנה פאר אונזערע קינדער, קיינער ווייסט נישט אפצושאצן איר ארבעט, סיי די וואס האבן טענות וכו׳ און אפילו די וואס זענען דאנקבאר ווייסן אויך נישט באמת וואספארא מתנה זי איז פאר אונזערע קינדער.

ביי די ״אסיפת הורים״ וועט מען אויפשפילן א דרשה פונעם ראש ישיבה; וויל איך דיר בעטן אויב דו קענסט צושטעלן א פראדזשעקטאר און די פאסיגע סחורה אויף וואס דאס צו ווייזן. מען דארף דאס גוט אנשטעלן ווייל ביי די לעצטערע פרויען שיעורים איז עס נישט געווען מסודר.

זארג נישט פאר דיין שידוך; דיין שידוך ליגט אינעם אייבערשטנ׳ס הענט, נאר דאווען, בעט אוןווארט.

א ליכטיגן חנוכה.

...

~~~~~~~~~~

**ארײנצולייגן שמחה אין די קינדער.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת וישב, י״ח כסליו, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר וזוגתו ... תחי׳.**

איך פריי מיר זייער אז דו האסט אנגענומען מיינע ווערטער און געקומען לערנען אין כולל גמרא און הלכה.

גלייב מיר אז עס לוינט זיך נישט צו פאקן באקסעס פאר פופצן דאלער א שעה, עס איז א גרויס רחמנות אויף אינגעלייט וואס ווערן עבדים פאר זייער גאנץ לעבן; ענדערש לערן און כולל און נאכדעם גיי הפצה, ביים גיין הפצה מאכט מען אין איין שעה מער וואס אן ארבייטער מאכט במשך א גאנצע טאג.

יישר כח פארן העלפן אין חדר אריינצולייגן אין די קינדער "שמחה"; דער עיקר דארף מען זען עס זאל הערשן א פרייליכע אטמאספער אז די קינדער זאלן ליב האבן חדר, ליב האבן צו זיין א איד און זיך פרייען מיט די מצוות ומעשים טובים.

דו אליינס ביסט דאך א תלמיד פון אונזער חדר; דו געדענקסט אוודאי ווי לעבעדיג דיין שוואגער האברך ... נרו יאיר פלעגט מאכן די קינדער, די קינדער האבן נאר געוואלט קומען אין חדר, ער האט אריינגעבאקן אין זיי אמונה מיט יראת שמים.

יעצט ווען עס איז געקומען דיין רייע דאס צו טון, זאלסטו זיי אויך מאכן פרייליך.

אויך וויל איך דיר זאגן א יישר כח פארן העלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז אין זכות פון די מצוה פון צדקה זאלט איר מצליח זיין אין אלע אייערע וועגן.

א ליכטיגן חנוכה.

...

~~~~~~~~~~~

**די וויכטיגסטע זאך איז זיך אפגעבן מיט קינדער.**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת וישב, י"ח כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

יישר כח פארן ארויסהעלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז אין דעם זכות זאלסטו האבן הצלחה אין אלע ענינים.

איך דאנק דיר פארן צוזאמנעמען די קינדער ביי שלש סעודות און ביי אבות ובנים; די מערסטע דארפן מיר אינוועסטירן אין אונזערע קינדער.

ביי די וועלט קוקט מען אויף קינדער ווי א איבעריגע זאך, אבער ביי אונז איז באוויסט דעם דיבור פונעם הייליגן רבי נתן זכרונו לברכה, מען האט אים אמאל געפרעגט פארוואס ער רעדט אזוי לאנג מיט א קינד, האט ער זיך אנגערופן מיט א ניגון: "אט איז מען א קינד, אט איז מען א בחור, אט איז מען א אינגערמאן און אט פירט מען
~~~~~~~~~~~

שוין צום אייביגן ארט"; דו געבסט דיר טאקע אפ מיט אינגלעך אבער מען געבט זיך איין דריי און מען איז שוין א אינגערמאן.

דעריבער דאנק איך דיר אז דו נעמסט צוזאמען די קינדער ביי שלש סעודות זיי זאלן זינגען זמירות און דו ברענגסט זיי מתנות וכו' פאר "אבות ובנים".

אין דעם זכות זאלסטו זוכה זיין צו זען נחת ביי דיינע קינדער געזונטערהייט צוזאמען מיט דיין טייערע ווייב תחי'.

ווייז דעם בריוו פאר דיין ווייב, וועט זיך הנאה האבן אז דו העלפסט אונזערע קינדער וואקסן בתורה ויראה.

א ליכטיגן חנוכה.

...

~~~~~~~~~~

**איך בענק זיך נאך אונזער חברותא'שאפט.**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת וישב, י"ח כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

א גרויסן יישר כח פארן העלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז אין דעם זכות זאלסטו מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

איך בענק מיר נאך אונזער חברותא'שאפט, די פארטאגס שעות שבת אינדערפרי ווען מיר פלעגן לערנען דעם גאנצן מדרש רבה, מדרש תנחומא און זוהר הקדוש אויף די פרשת השבוע, מדרש רבה און תנחומא האבן מיר ברוך ה' געענדיגט נישט איינמאל נאר עטליכע מאל, אבער זוהר הקדוש איז נאך דא עטליכע סדרות וואס מיר דארפן נאך מסיים זיין.

איז אפשר יעצט ווען עס איז דא די לאנגע פרייטאג צו נאכטס איז כדאי צו באנייען אונזער חברותא'שאפט אז מיר זאלן קענען ענדיגן דעם גאנצן זוהר, די גאנצע דאוועגען האט געהאט אן אנדערע טעם נאכן לערנען די הייליגע זוהר; איך ווארט צו הערן פון דיר צי עס איז שייך...

גיי אביסל הפצה יעדן טאג; איך קום יעצט צוריק פון אומאן און פון ארץ ישראל, וואו איך גיי און וואו איך שטיי קומען מענטשן צו זיך באדאנקען אויף זייער לעבן, דאס אלעס איז דער כח פון הפצה און דאס וועט ברענגען די גאולה.

א ליכטיגן חנוכה.

...

~~~~~~~~~~

**איך האף דו ווערסט זיין פון די עשרה ראשונים אין נייעם "קרית ברסלב".**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת וישב, י"ח כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

מזל טוב פאר דיין מיידעלע תחי'; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן זאלסט איר זוכה זיין צו מגדל זיין לתורה לחופה ולמעשים טובים.

יעצט קומט חנוכה - א צייט פון "להודות ולהלל" פאר אלע ניסים ונפלאות וואס דער אייבערשטער טוט פאר אונז יעדע רגע, זאלסטו אויסנוצן די הייליגע מינוטן ביי די הייליגע חנוכה ליכט צו דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן אויף די ניסים ונפלאות וואס ער טוט מיט דיר.

איך האף אז דו ווערסט זיין פון די עשרה ראשונים אויפצובויען דעם נייעם "קרית ברסלב"; איך ווארט צו הערן אז דו האסט געקויפט א דירה. איך וועל מיטן אייבערשטנס הילף קומען קלאפן א מזוזה ביי דיר און ביי אלע וואס ציען זיך ארויס.

עס זעט אויס ווי א חלום אבער נאך אביסל וועט דאס ווערן א מציאות; מיר וועלן האבן א פלאץ וואו מיר וועלן מיטן אייבערשטנס הילף מגדל זיין אונזערע קינדער אויפן וועג פונעם הייליגן רבי'ן, רבי נתן און מוהרא"ש.

א גרויסן דאנק פארן העלפן די ישיבה מיטן צושטייער געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז אין זכות פון די מצוה פון צדקה זאלסטו מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**מ'דארף מען קוקן אויף קינדער מיט "רחמנות אויגן".**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת וישב, י"ח כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

איך דאנק דיר פארן העלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז אין זכות פון די מצוה פון צדקה זאלסטו מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

דו קענסט זיך נישט פארשטעלן ווי גרויס דיין זכות איז אז דו ביסט מגיהה און מסדר די בריוון פון "עצתו אמונה"; די בריוון זענען מחי' און מחזק זייער אסאך אידן.

הרב החסיד ר' ... נרו יאיר זאגט מיר כסדר אז מענטשן ווארטן אויף די בריוון, מען איז זיך מחי' מיט די בריוון.
~~~~~~~~~~

איך ווייס נישט צי דו גדענקסט אז דו האסט אנגעהויבן די אלע בריוון; דו האסט מיר אסאך געמוטשעט איך זאל יעדן טאג שרייבן א בריוו פאר די תלמידי הישיבה און פון דעם איז געווארן די קונטרסים "עצתו אמונה".

איך האב שוין לאנג נישט געהערט פון דיין ווייב תחי' צי זי איז נאך מחזק די צעבראכענע מיידלעך; זאג איר זי זאל וויסן אז איר פאסטן איז אדער "לחיים" אדער "למות". א מנהלת און א טיטשער קענען אויפבויען א אידישע שטוב אדער דער'הרג'ענען רחמנא לצלן, זאג איר זי זאל רחמנות האבן אויף דעם אייבערשטנ'ס נשמות וועט דער אייבערשטער רחמנות האבן אויף אייך.

זי דארף וויסן אז ווען א מיידל טוט זיך אן נישט אזוי צניעות'דיג איז דאס א סימן אז עפעס באדערט איר, דאס איז א סימפטאם פון זייער שלעכטע זאכן וואס האבן פאסירט צו איר; אפשר האט מען איר אויסגענוצט רחמנא לצלן און דאס איז די וועג ווי אזוי זי וויל צוריק ווערן זעלבסט שטענדיג השם ישמרינו.

דערפאר דארף מען קוקן אויף די קינדער מיט "רחמנות אויגן"; דעמאלט קען מען אלעמען צוריק ברענגען צום אייבערשטן.

...

~~~~~~~~~~~

ממשיך זיין ארויסצוגעבן נאך סידי'ס.

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת וישב, י"ח כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

א גרויסן יישר כח פאר דעם וואס דו העלפסט ארויס די ישיבה מיטן צושטייער געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל העלפן אז אין זכות פון די מצוה פון צדקה זאלסטו מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

איך האף אז דו וועסט ממשיך זיין מיר צו העלפן ארויסגעבן נאך סידי'ס; די היינטיגע יוגנט האבן נישט אזא געפיל אין ליינען און וועלן ענדערש הערן מוזיק, דערפאר דארפן מיר נעמען אלע קונטרסים פון מוהרא"ש און פון יעדע קונטרס אויס געבן א סידי.

די פריערדיגע סידי "קום צוריק" האט אלע טעמים; אלע זאגן אז דאס איז שענער פון די ערשטע צוויי "טאנץ מיט אמונה", נאר ווייל דו האסט עס שיין געמאכט.

דעריבער וויל איך דיר מחזק זיין אויב דו קענסט העלפן האברך ... נרו יאיר מיטן ארויסגעבן נאך סידי'ס; ער וויל זייער שטארק ארבעטן דערויף, דורכדעם וועסטו מצליח זיין.
~~~~~~~~~~~

יעצט קומט חנוכה, זאלסטו זען צו צינדן די הייליגע מנורה בשמחה! דו האסט דאך קליינע קינדער, זאלסטו זען צו טאנצן מיט זיי. לאז אפ "וויינען"; וויינען ווענסטו ווען קיינער זעט נישט. אז דו ווענסט וויינען ביי די ליכט ווען דיין ווייב און קינדער נישט ווען עס זאל זיין חנוכה; טאנץ און זינג מיט זיי ווען זיי אויסוואקסן ערליכע אידן.

...

~~~~~~~~~~~

**ס'איז נישט מעגליך צופרידן צו שטעלן יעדן איינעם.**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת וישב, י"ח כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

א גרויסן יישר כח פארן ארויסהעלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז אין דעם זכות זאלסטו מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

געדענק דעם דיבור פון הייליגן רבי'ן (עיין חיי מוהר"ן, סימן רכט) "נִצַּחְתִּי וַאֲנַצֵּחַ", איך האב אויסגעפירט און איך וועל אויספירן, "גָּמַרְתִּי וְאֶגְמוֹר", איך האב געענדיגט און איך וועל ענדיגן.

דו האב מיט קיינעם גארנישט, געב פאר קיינעם נישט אפ קיין דין וחשבון וואס דו טוסט, פארוואס, פאר וועם און פאר ווי; דו טו דעם רצון ה' און געב אכטונג אויף דיין ווייב תחי', מער פון דעם וועט דיר סיי ווי נישט גיין.

די אלע וואס קומען מיט פשעטלעך: "מען דארף יוצא זיין ידי אדם, אזוי ווי עס שטייט (משלי ג, ד): 'וּמְצָא חֵן וְשֵׂכֶל טוֹב בְּעֵינֵי אֱלֹקִים וְאָדָם"; ווייסן נישט דעם פשט אין פסוק, ווייל עס איז נישט מעגליך אז א מענטש זאל יוצא זיין די ווילן פון אנדערע מענטשן, ווייל יעדער מענטש וויל דאך עפעס אנדערש, נו ווי איז מעגליך יוצא צו זיין ידי אדם? נאר די פשט איז, אז ווען א מענטש לעבט מיטן אייבערשטן העלפט אים דער אייבערשטער אז ער וועט געפונען חן בעיני אלקים ואדם.

געב א קוק וואספארא שיינע גארטן דו האסט אויפגעשטעלט נאר בזכות די תמימות ופשיטות פון דיר און דיין ווייב תחי', נאך אביסל האלסטו שוין דארט וואו דער "תם" איז אנגעקומען (סיפורי מעשיות, מעשה ט מחכם ותם), צו ווערן דער מיניסטאר וכו', דו וועסט קענען שרייען פאר דיינע אלע וכו': "קוק צו וואס מיין תמימות האט מיר געברעגט".

בנוגע דיינע חובות; פראביר יעדן טאג צו מקיים זיין די מצוה פון פריעת חוב, אפילו אביסעלע און אפילו דורך א שליש וד"ל.
~~~~~~~~~~~

...

~~~~~~~~~~~

**מ׳דארף רעדן צו קינדער אכטונג צו געבן פון מנוולים.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת וישב, י״ח כסליו, שנת תשע״ט לפרט קטן

**מרת ... תחי׳, מנהלת בית פיגא ברסלב.**

איך בין ענק דאנקבאר פארן העלפן די ישיבה מיטן צושטייער געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל אייך העלפן אז אין זכות פון די מצוה פון צדקה זאלט איר האבן הצלחה אין אלע ענינים.

עס גייט נישט אריבער א וואך וואס איך זאל נישט הערן פון נאך איינעם און נאך איינעם אז מען האט זיי מטמא געווען אלץ מיידל; ווייבלעך און פרויען קומען זיך אויסגיסן זייער הארץ אז עס לויפט זיי נאך די אלטע קאשמארן ווי מען האט זיי אויסגענוצט און בא׳עוולה׳ט אלץ מיידל נאר ווייל זיי זענען געווען אומוויסנד.

דעריבער ליגט אויף אייך א חוב צו רעדן כסדר צו די מיידלעך פון קדושה, אז זיי זאלן זיך היטן פון מנוולים וכו׳, אפילו פון משפחה און אפילו פון א ״ראש המשפחה״, ווי צום ביישפיל א זיידע וכדומה.

מען דארף אכטונג געבן ווי אזוי מען געבט דאס איבער, נישט סתם מאכן א פאניק וכו׳, נאר שיינערהייט אויסשמועסן אז קיינער טאר נישט אנרירן און אויב איינער כאפט אן זאל מען מאכן א רעש און א טומל, ווי אויך מוז מען דאס פארציילן פאר א נאנטע; פאר א טיטשער, מנהלת אדער מאמע. אזוי וועלן אונזערע קינדער קענען חתונה האבן געזונט און האבן שלום בית.

אנדערע וועלן פארפירן אויף דעם, ״היתכן מען רעדט אפן וכו׳״, אבער מיר קענען נישט קוקן אויף קיינעם, מיר גייען אין די פיס טריט פון אונזער וועג ווייזער מוהרא״ש זכר צדיק לברכה.

איך שרייב אייך די שורות דא אין אומאן דריי אזייגער פארטאגס, איך קען דאס נישט אפשטופן און איך מוז אייך דאס שרייבן נאכן הערן נאך מעשיות וואס לאזן נישט שלאפן און עסן, איך געב דאס איבער פאר אייך און איך האף אז איר וועט טון וואס איך זאג אייך.

א ליכטיגן חנוכה.

...

~~~~~~~~~~~

**זיי ממשיך מיט דיינע שיעורים מיט א פרישקייט.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת וישב, י״ח כסליו, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד מיין ליבער טייערער ... נרו יאיר.**

איך פריי מיר מורא'דיג שטארק יעדעס מאל דו דערציילסט מיר דיינע סיומים; יעצט האב איך מיר זייער געפרייט צו הערן אז דו האסט שוין מסיים געווען "ששה סדרי משנה" די דריי און אכציג'סטע מאל; וואו זעט מען אזאנס אין דער וועלט, אז א בחור זאל לערנען מיט אזא התמדה רבה.

זיי ממשיך מיט דיינע שיעורים מיט א פרישקייט כאילו דאס איז די ערשטע מאל, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ספרי, לג): אויפן פסוק (דברים ו, ו): אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ הַיּוֹם - "לֹא יִהְיוּ בְּעֵינֶיךָ כִּיְשָׁנָה, אֶלָּא כַּחֲדָשָׁה שֶׁהַכֹּל רָצִין לִקְרָאתָהּ", ווען מען לערנט תורה דארף דאס זיין מיט א התחדשות.

טייערער הארציגער ... נרו יאיר, איך בין גארנישט באזארגט פאר דיין שידוך, דו וועסט בקרוב גוט חתונה האבן אם ירצה ה', איך בין מער באזארגט אז דו זאלסט נישט אויפגעבן נאר בלייבן יונג און פריש און ווייטער זיין בשמחה.

איך האב געבעטן פאר דיר ביי אלע מקומות הקדושים.

איך דאנק דיר פארן העלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז אין זכות פון די מצוה פון צדקה זאלסטו מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

א ליכטיגן חנוכה.

...

~~~~~~~~~~~

**איבער טאנצן "מצוה טאנץ".**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת וישב, י"ח כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר וזוגתו ... תחי'.**

מזל טוב! מזל טוב! דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט זוכה זיין אויפצושטעלן א בית נאמן בישראל און די שכינה זאל שטענדיג רוען ביי אייך אין שטוב.

איך האף אז איר זענט נישט באליידיגט אז איך האב נישט געטאנצן "מצוה טאנץ" ביי אייער חתונה; איר האט מיר זייער אסאך געבעטן און למעשה האב איך מיך ארויסגעדרייט. וויל איך איר זאלט וויסן אז איך ווייס נישט די סודות פון "מצוה טאנץ", איך בין ווייט פון די זאכן; הלוואי זאל איך זיין א פשוט'ער איד, טון דעם ווילן פונעם אייבערשטן.
~~~~~~~~~~~

עס איז כדאי איר זאלט קוקן וואס מוהרא"ש שרייבט (קונטרס יום הנשואין, סימן יז) וועגן די מנהג בורות און קלים ורקים צו טאנצן "מצוה טאנץ"; ליידער מאכט מען ליצנות און מען געבט דאס פאר משפחה וכו', זאגט מוהרא"ש אז "מצוה טאנץ" איז נאר פאר די עלטערן, פאר די זיידעס, פאר חתן כלה און פאר צדיקי אמת, אבער חוץ מזה איז דאס סתם הפקירות וכו'.

וואס יא? איך וועל טאנצן פאר אייך דורכאויס אייער גאנץ לעבן; איך וועל אייך משמח זיין, מעודד זיין און משמח זיין. יעדע וואך ליל שישי איז דא א שיעור פאר די אברכים פון ישיבה, דעמאלט טאנץ איך מצוה טאנץ; איך געב איבער ביים שיעור אלע עצות און חיזוק ועידוד וואס מוהרא"ש האט אונז געלערנט. אזוי אויך קומט פאר יעדן ערב ראש חודש א שיעור פאר אלע פרויען, איך האף אז איר וועט זיך קומען משתתף זיין.

א דאנק אייך זייער פארן ארויס העלפן די ישיבה מיטן צושטייער געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל העלפן אז אין זכות פון די מצוה פון צדקה זאלט איר האבן הצלחה אין אלע ענינים.

א ליכטיגן חנוכה.

...

~~~~~~~~~~~

**א איד גייט נישט, א איד פירט מען; לימוד התורה - די וויכטיגסטע זאך; א שטארקער מענטש איז נישט איינער וואס פאלט נישט אראפ וכו', א שטארקער מענטש איז דער וואס הייבט זיך אויף!**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת וישב, י"ט כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

הודו לה' כי טוב אז איך בין אנגעקומען אהיים בשלום; עס האט געהייסן אז מיר וועלן שוין זיין צוריק נעכטן מיטאג אבער (תהלים לז, כג): "מֵה' מִצְעֲדֵי גֶבֶר כּוֹנָנוּ, וְדַרְכּוֹ יֶחְפָּץ"; דער אייבערשטער איז דער וואס מאכט אלעס און טוט אלעס. מיר זענען געבליבן נאך א טאג אין אוקריינא נאכדעם וואס דער פליגער איז געווען צעבראכן. מיר האבן עס אנגענומען באהבה און געגלייבט אז אלעס איז לטובה; נישט מיר גייען און מיר טוען נאר אלעס קומט פונעם אייבערשטן, אזוי ווי דער בעל שם הקדוש זכותו יגן עלינו האט געזאגט: "א איד גייט נישט, א איד פירט מען".

איך קום יעצט גלייך פון ערפארט; איך בין געלאפן כאפן א מקוה און גלייך געקומען אין ישיבה דיר שרייבן אפאר ווערטער דיר מחזק זיין אויף לימוד התורה. מארגן ענדיגן מיר מיטן אייבערשטנס הילף מסכת מנחות און דאנערשטאג הייבן מיר
~~~~~~~~~~~

אן מסכת חולין, בעט איך דיר מיין טייערער הארציגער ברודער ..., זע צו לערנען יעדן טאג א דף גמרא; א בלאט גמרא א טאג איז דער חיות פונעם טאג און דאס מאכט פרייליך דעם מענטש.

מיר שטייען יעצט פאר חנוכה; 'חנוכה' איז א לשון פון זיך באנייען, חנוכה איז א צייט וואס א מענטש קען זיך אויפפרישן און אנהייבן פונדאסניי.

הייב אן פונדאסניי, זיי נישט אלט און נאכגעלאזט. הייב אן מיט א פרישקייט דינען דעם אייבערשטן; געדענק: "א שטארקער מענטש איז נישט איינער וואס פאלט נישט אראפ וכו', א שטארקער מענטש איז דער וואס הייבט זיך אויף!"

איך וויל דיר נאכאמאל דערמאנען אז מארגן זאלסטו בלייבן אין שטוב כדי דיין ווייב זאל קענען קומען צו די חינוך אווענט.

דער אייבערשטער זאל דיר העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**הלוואי זאל מען אריינברענגען אין מענטשן חתונה צו מאכן ביליג.**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת וישב, י"ט כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ליבער חתן ... נרו יאיר.**

דיין שוואגער האט מיר געבעטן איך זאל העלפן צוזאמשטעלן געלט פאר דיין טאטע יעצט ווען ער מאכט חתונה.

איך וועל דיר זאגן דעם אמת, אז איך אליינס דערטרענק זיך אין חובות פון די ישיבה, מוסד וכו' וכו', אבער איך האב א גרויסע הכרת הטוב פאר דיין טאטע שליט"א.

יארן צוריק, ראש חודש ניסן שנת תש"ע ווען די רבנים האבן זיך צוזאמגעזעצט דן זיין איבער דעם עקזיסטענץ פון די ישיבה איז דיין טאטע געקומען און געהאקט אויפן טיש ווען ער האט דערביי געשריגן צו די רבנים וכו' און דאס האט אסאך צוגעגעבן אז זיי זאלן נישט ארויסקומען מיט א "קול קורא" אנטקעגן די ישיבה.

איך האב געמאכט א ווינט ביי די תלמידים פון ישיבה אז זיי זאלן חתונה האבן אין ישיבה, אזוי האט מען נישט קיין חובות. מען מאכט די חתונה מיט א אידישן טעם מלא חן; הלוואי זאל איך דאס קענען אריינברענגען ביי אלעמען, אז מען זאל פראווען א שמחה בשעת מען פריידט זיך "באמת".

יעצט אז דו ביסט אין וויליאמסבורג וויל איך דיר מחזק זיין צו קומען אינדערפרי צו די שיעור אין גמרא, ווייל אויב מען הייבט אן דעם טאג מיט א בלאט גמרא איז דער גאנצער טאג אן אנדערע טאג.
~~~~~~~~~~

א גרויסן יישר כח פארן ארויסהעלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז אין דעם זכות זאלסטו מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**א מענטש האט נישט קיינעם אויף דער וועלט.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת וישב, י״ט כסליו, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

יישר כח פארן העלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז אין דעם זכות זאלסטו האבן הצלחה אין אלע ענינים.

וויסן זאלסטו אז א מענטש האט נישט קיינעם אויף דער וועלט, אלע חברים זענען גוט ווילאנג זיי קענען האבן א נוצן, א טובת הנאה, אבער די רגע וואס זיי קענען גארנישט האבן זענען זיי די ערשטע צו באגראבן דעם מענטש; דאס האט מוהרא״ש גע׳חזר׳ט מיט אונז טאג און נאכט, אז מיר זאלן לעבן אן אמת׳ע לעבן, וויסן וואס מענטש זענען. נישט נאכלויפן מענטשן און זיך נישט פארלאזן אויף מענטשן, נאר לעבן מיטן באשעפער, טראכטן פון אים און זיך פארלאזן נאר אויף אים.

דער נביא ירמיהו זאגט (ירמיהו יז, ז): ״בָּרוּךְ הַגֶּבֶר״, געבענטשט איז דער מענטש, ״אֲשֶׁר יִבְטַח בַּה׳״, וואס פארלאזט זיך נאר אויפן אייבערשטן, ״וְהָיָה ה׳ מִבְטַחוֹ״, וועט אים דער אייבערשטער העלפן.

היינט י״ט כסליו אז א גרויסער טאג; אין דעם טאג איז דער הייליגער בעל התניא זכותו יגן עלינו באפרייט געווארן פון תפיסה. דער פריערדיגער ליובאוויטשער רבי דער ריי״ץ זכותו יגן עלינו ברענגט (ספר היום יום, י״ח כסליו) אז מען האט אמאל געהערט ווי דער בעל התניא זאגט תהלים און ביים זאגן דעם פסוק (תהלים עג, כה): ״מִי לִי בַשָּׁמָיִם, וְעִמְּךָ לֹא חָפַצְתִּי בָאָרֶץ״ האט ער זיך זייער צופלאמט און געזאגט: ״איך דארף נישט קיינעם, נישט די וועלט און נישט יענע וועלט, נאר דיר באשעפער אליינס״; ווער עס לעבט מיט דעם דער איז א גליקליכער מענטש.

...

~~~~~~~~~~

**וואס האט מען פון א גרויסע דירה אן קיין ריכטיגע חינוך?**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת וישב, י״ט כסליו, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד מיינע טייערע ליבע ... שיחיו.**

דו האסט געטון א ווילדע זאך - אבער עס איז ווערד געווען; דו האסט אויפגעגעבן א גרויסע באקוועמע אייגענע דירה וכו׳ און געקומען וואוינען אין וויליאמסבורג אין א לעכל אויפן צענטן שטאק פאר טייער רענט. גיי זאג דאס פאר איינעם, וועט ער זאגן אז עפעס פעלט אייך... אבער באמת האסטו געטון די קלוגסטע זאך אויף דער וועלט.

עס איז נישט דא קיין חשוב׳ערע זאך ביי אונז אידן ווי חינוך הבנים והבנות; וואס האט מען פון א גרויסע דירה אז די קינדער גייען אין חדר און כאפן מכות רצח פארן נישט טיידלען?! וואס האט מען פון א דרייוו-וועי פאר די קאר ווען די אינגלעך קומען אהיים שעלטנדיג דעם רבי׳ן און שעלטן די חסידות?! דאס אז קינדער רעדן און לעבן מיט פאליטיק איז גורם אז זיי זאלן אפלאזן אידישקייט שפעטער. וואס האט מען פון א גרויסע דירה ווען די מיידלעך קומען אהיים פון סקול מיט א פאלשע לעבן?! א לעבן פאר חבר׳טעס וכו׳, דאן האט מען א גרויסע ׳קבורה׳ נישט א גרויסע ׳דירה׳.

דערפאר וויל איך אייך באגריסן מיט א ״ברוכים הבאים בשם ה׳״; איר האט געטון א ווילדע זאך, אבער א זאך וואס וועט אייך ברענגען נאר גוטס.

איך האף אז בקרוב וועט איר האבן א דירה אין שטעטל; דארט וועט אם ירצה ה׳ זיין צוגעשטעלט סיי ברוחניות - א גוטע חינוך פאר די אינגלעך און מיידלעך, און אויך בגשמיות - א שיינע גרויסע דירות.

ונזכה ונחי׳ ונראה.

יישר כח פארן ארויסהעלפן די ישיבה מיטן צושטייער געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל העלפן אז אין דעם זכות זאלט איר האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~

**מ׳קען זיין א טראק דרייווער, און זיין דבוק צום אייבערשטן.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת וישב, י״ט כסליו, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

איך דאנק דיר פארן ארויסהעלפן די ישיבה מיטן צושטייער געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז אין דעם זכות זאלסטו האבן הצלחה אין אלע ענינים.
~~~~~~~~~~

איך קען ברסלב׳ע אידן טראק דרייווערס וואס זענען דבוק אינעם אייבערשטן מיט א שטארקע דביקות; זיי זעען אויס פשוט און גייען אנגעטון מיט ארבעטס קליידער אבער זיי טראכטן נאר פונעם אייבערשטן און רעדן נאר צו אים.

עס איז געווען א ברסלב׳ער חסיד וואס האט פאר זיין פרנסה געדרייווט א טראק - אזוי ווי דו, צוזאמען מיט אים אויפן טראק זענען געווען גוים, דו ווייסט דאך אז גוים רעדן נאר ניבול פה, האט ער מיר פארציילט ווי שווער עס איז אים צו זיצן אויפן טראק מיט די חיות און ער דארף אגאנצן טאג הערן זייער ניבול פה, ווער רעדט נאך זומער ווען עס ברענט ממש א פייער, די גוים גייען אנגעטון - בעסער געזאגט - אויסגעטון ווי די חיות פון וואלד, ער שפירט יעדע רגע ווי ער ווערט פארברענט אין ניאוף, דאן באנוצט ער זיך מיטן רבינ׳ס עצה און ער מאכט התבודדות, ער וויינט און רעדט צום אייבערשטן אן א קול, בלויז מיט זיינע ליפן שעפשעט ער: "הייליגער באשעפער איך וויל זיין א איד, היט מיר מיינע אויגן", בשעת עס רינען אים טרערן פון זיינע אויגן, די גוים פלעגן אים פרעגן: "פארוואס וויינסטו?" פלעגט ער זיך ארויסדרייען און זיי ענטפערן: "איך האב עלערדזשיס" וכו׳.

דאס שרייב איך דיר אז דו זאלסט וויסן אז אפילו א טראק דרייווער קען צוקומען צו זיין א גרויסער צדיק.

...

~~~~~~~~~~

**נעם דיך פאר צו היטן די געזעצן ביים דרייוון.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת וישב, י״ט כסליו, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

א גרויסן דאנק דיר פארן ארויסהעלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז אין זכות פון די מצוה פון צדקה זאלסטו האבן הצלחה אין אלע ענינים.

שטארק דיר אין אמונה און חזר זיך איין ווערטער פון אמונה; מוהרא״ש האט פארפאסט א ניגון אויף ווערטער פון אמונה: "מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרֵךְ כְּלָל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם"; אלעס איז דער אייבערשטער און דער אייבערשטער איז אלעס.

יעצט ווען דו האסט אראפגעקלאפט א טאטע מיט א קינד און עס ווארט דיר א משפט פארן אוועקפארן וכו׳ זאלסטו זיך פארנעמען צו היטן אלע געזעצן; ווער עס האלט נישט איין די געזעצן ביים דרייוון קען זיין ממש א רוצח, ער קענען הרג׳ענען מענטשן רחמנא לצלן.
~~~~~~~~~~

אויב דו וועסט מקבל זיין אויף דיר צו היטן אלע געזעצן ביים דרייוון וועסטו ארויסגיין זכאי ביים משפט, אבער אז דו וועסט ווייטער פארן ווילד, נישט קוקן און ווארטן ביי א סטאפ-סיין, רעדן אויפן טעלעפאן און טעקסט׳ן בשעת׳ן דרייוון דעמאלט וועט זיין ביטער.

יעדע מאל דו זעצסט זיך אריין אין דיין קאר זאלסטו זאגן תפלת הדרך; איין מאל א טאג מיטן שם ומלכות און די אנדערע צייטן זאלסטו אויסלאזן: ״בָּרוּךְ אַתָּה, שׁוֹמֵעַ תְּפִלָּה״.

...

~~~~~~~~~~

**לערנען פלייסיג איז כיבוד אב ואם.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת וישב, י״ט כסליו, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

יישר כח פארן ארויסהעלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז אין דעם זכות זאלסטו מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

ווי אויך וויל איך דיר דאנקען פארן מיר העלפן צוזאמשטעלן געלט איך זאל קענען ארויסגיין פון די חובות וואס איך האב פונעם בנין אין אומאן; איך וואונטש דיר דו זאלסט טרעפן דיין זיווג בקרוב בזכות די מצוות צדקה.

... היקר והנחמד, איך האב זייער הנאה אז דו האסט געביטן דיין סדר היום, דו קומסט אינדערפרי און מען זעט דיר מער און בית המדרש, ווי אויך אז דו לערנסט גמרא מיט משניות. אין דעם זכות וועסטו טרעפן א גוטע שידוך.

זיי מכבד דיין טאטע, אבער פון דער אנדערער זייט זאלסטו געדענקען וואס ״כבד את אביך״ מיינט; ״כבד את אביך״ מיינט אז דו וועסט לערנען פלייסיג, דאוונען, האבן יראת שמים און גוטע מידות.

א פרייליכן חנוכה.

פון דיין ראש ישיבה.

...

~~~~~~~~~~

**נוץ אויס דיין זינגען טאלאנט צום גוטן.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת וישב, י״ט כסליו, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

א גרויסן יישר כח פארן ארויסהעלפן די ישיבה מיטן צושטייער געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז אין דעם זכות זאלסטו האבן הצלחה אין אלע ענינים.

דער אייבערשטער האט דיר געגעבן א טאלאנט אז דו זינגסט שיין, דארפסטו מכבד זיין דעם אייבערשטן מיט דעם טאלאנט. אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (פסיקתא רבתי פסקא עשר תעשר, ב׳) אויפן פסוק (משלי ג, ט): כַּבֵּד אֶת ה׳ מֵהוֹנֶךָ - "מִגְּרוֹנְךָ"; זיי מכבד דעם אייבערשטן מיט דיין האלז.

איך וויל דיר בעטן אויב דו קענסט מסדר זיין אין ישיבה א גרופע פון אינגעלייט און בחורים וועלכע זאלן זיין ממונה צו זינגען יעדעס מאל ווען מען קומט זיך צוזאמען, למשל אין דריי וואכן ארום - מאנטאג נאכט פרשת ויחי - געפאלט רבי נתן׳ס יארצייט, ווילן מיר מאכן אין ישיבה א שיינע יארצייט סעודה און דערביי דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן אויף די מתנה אז מיר האבן רבי נתן; וויל איך דיר בעטן אויב דו קענסט מסדר זיין צו זינגען ביי די סעודה מיט דיינע חברים.

אין דעם זכות וועסטו זוכה זיין אויפצוציען דיינע קינדער אלץ ערליכע אידן געזונטערהייט צוזאמען מיט דיין ווייב תחי׳.

א שאד אז דו ליינסט נישט אלע בריוון פון "עצתו אמונה"; יעדע בריוו איז געשריבן געווארן פאר יעדן תלמיד בפרטיות. מען קען ארויסנעמען פון די בריוון שטארקע חיזוקים אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~

**זיך שטארקן אין לימוד התורה; ווער עס האט טועם געווען אונגארישע ווען קען מען שוין נישט אפנארן.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת וישב, כ׳ כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

נעכטן נאכט האבן מיר געהאט א סעודת סיום אויף ׳מסכת מנחות׳ ביי האברך ... נרו יאיר אין שטוב; מיר האבן שוין נעכטן מסיים געווען די מסכתא און געמאכט דעם סיום פאר אלע אינגעלייט וואס האלטן מיט דעם שיעור, ווייל היינט נאכט קומט פאר די ׳אסיפת הורים׳ פאר די מאמעס פון אונזער סקול און מיר וועלן דארפן בלייבן אין שטוב העלפן מיט די קינדער.

היינט פארמיטאג וועט אם ירצה ה׳ פארקומען נאך א סיום, דאס מאל אין כולל היכל הקודש פאר די אינגעלייט וואס לערנען און האבן מסיים געווען די מסכתא; די כולל אינגעלייט הייבן אן זייער טאג מיטן דף גמרא, אזוי האט מוהרא"ש איינגעפירט
~~~~~~~~~~

אין כולל אין יבנאל אז מען זאל אנהייבן דעם טאג מיט א בלאט גמרא, ביי אונז אין כולל האבן מיר אויך איינגעפירט אז מען הייבט אן דעם טאג מיט גמרא און נאכדעם גייט מען צו הלכה.

איך בין געווען אין יבניאל די וואך וואו איך האב נאכאמאל געזען וואס מוהרא"ש האט געטון, מוהרא"ש האט אויפגעבויט א הערליכע שטאט אינמיטן א וויסטן מדבר; עס וואוינען דארט הונדערטער משפחות יראים ושלמים וואס פירן זייער לעבן מיט די תורה. איינע פון די יסודות וואס מוהרא"ש האט דארט אוועק געשטעלט איז אז יעדער אינגערמאן זאל קומען אין כולל, אפילו די וואס ארבעטן און גייען הפצה זאלן אויך קומען לערנען יעדן אינדערפרי דעם דף גמרא, ווייל נאר אזוי האלט זיך אידישקייט - אז מען לערנט תורה; תורה איז דער יסוד פון א איד.

געלויבט דעם אייבערשטן אז מיר האבן א גאנצע קהילה וואס לערנען יעדן טאג גמרא; אלע בחורים, אינגעלייט און אפילו קינדער האבן היינט מסיים געווען 'מסכת מנחות'.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (מנחות קי.): אויפן פסוק (מלאכי א, יא): "וּבְכָל מָקוֹם מֻקְטָר מֻגָּשׁ לִשְׁמִי", - אֵלּוּ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים הָעוֹסְקִים בַּתּוֹרָה בְּכָל מָקוֹם, מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיהֶן כְּאִילוּ מַקְטִירִין וּמַגִּישִׁין לִשְׁמִי, ווען א מענטש לערנט תורה איז דאס חשוב ביים אייבערשטן אזוי ווי מען ברענגט קרבנות אין בית המקדש; ווייל ביים אייבערשטן איז חשוב לימוד התורה מער פון אלע קרבנות.

איך האף אז דו וועסט אויך אנהייבן מארגן 'מסכת חולין' און לערנען כסדרן יעדן טאג א דף; אפילו ווען דו ביסט אויסגעמוטשעט און דיין מח איז נישט מיט דיר צוליב די שוועריקייטן וואס דו גייסט אריבער, דאך זאלסטו זאגן די ווערטער פון די הייליגע גמרא וועסטו אלעס פאררעכטן. היינט איז דא צו באקומען גמרות מנוקד מיט פינטלעך, אזוי אז אפילו איינער וואס האט קיינמאל נישט געלערנט קען אויך זאגן די ווערטער פון די גמרא.

איך ווארט צו הערן פון דיר אויב דו הייבסט אן מסכת חולין; עס גייט מיר אין לעבן אויסצופירן וואס מוהרא"ש האט מיר געהייסן, אז איך זאל אריין ברענגען אין אלע תלמידים צו לערנען יעדן טאג א בלאט גמרא. ברוך השם אלע תלמידים לערנען יעדן טאג דעם דף חק ולא יעבור, איך וויל אז דו זאלסט אויך זיין א חלק פון אונזער הייליגע חבורה.

דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן רס): "ווער עס האט טועם געווען פון די אונגארישע וויין - דעם קען מען שוין נישט אפנארן"; מיר האבן שוין טועם געווען פון

די אונגארישע ווייַן, מוהרא"ש האט אונז געגעבן קלארע ווייַן, אונז קען מען נישט פארקויפן קיין 'אורות' מיט 'דמיונות', מיר קוקן גלייך וואס מיר האבן אין די האנט.

דער הייליגער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן שנד): "עַל שְׁנֵי כִּתּוֹת אֲנָשִׁים יֵשׁ לִי רַחֲמָנוּת גָּדוֹל עֲלֵיהֶם", אויף צוויי גרופעס מענטשן האב איך גרויס רחמנות, "עַל אֵלּוּ אֲנָשִׁים שֶׁהָיוּ יְכוֹלִים לְהִתְקָרֵב אֵלַי וְאֵינָם מִתְקָרְבִים", אויף די מענטשן וואס האבן געקענט מקורב ווערן צו מיר און זענען נישט מקורב געווארן, "וְעַל אֵלּוּ הַמְקֹרָבִים אֵלַי וְאֵינָם מְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי", און אויף די וואס זענען מקורב צו מיר און פאלגן מיר נישט; ווייל ווען עס וועט קומען די צייט וואס דער מענטש וועט ליגן מיט די פוס צום טיר, דאס מיינט ווען מען וועט שטארבן - וואס דעמאלט לייגט מען אראפ דעם מענטש אויף דער ערד מיט די פוס אויסגעדרייט צום טיר - און דער מענטש וועט זיך דעמאלט אנקוקן ווי אזוי ער זעט אויס וועט ער זייער חרטה האבן, טראכטנדיג: 'פארוואס האב איך נישט געפאלגט דעם רבי'ן? ווייל ווען איך וואלט ווען געפאלגט דעם רבי'ן וואלט איך זוכה געווען צוצוקומען צו די גרעסטע מדריגות אויף דער וועלט', אבער דעמאלט וועט שוין זיין צו שפעט.

דער אייבערשטער זאל העלפן דו זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**דאווענען מיט מנין ברענגט פרנסה בריווח; בעטן אסאך דעם אייבערשטן מען זאל זיך נישט לאזן נארן; די הייליגע גמרא וועט בלייבן דיין חבר אין דיינע שווערסטע מצבים.**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת וישב, כ"א כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

שטארק דיר צו גיין אין שול דאווענען דריי מאל א טאג שחרית מנחה און מעריב אפילו אז עס קומט דיר אן שווער.

דאווענען מיט מנין ברענגט פרנסה, זאלסט אבער נישט פרעגן: "איך דאווען מיט מנין אבער איך זע נישט אז מיין פרנסה זאל זיין מער?" ווייל פונקט אזוי ווי ווען מען אינוועסטירט אין א ביזנעס דארף מען אסאך מאל ווארטן ביז מען הייבט אן זען רווחים; וועט דען א מענטש זיך צוריק האלטן פון מאכן געשעפטן ווייל מען זעט נישט קיין באלדיגע רווחים?! און מען רעדט דא פון געשעפטן וואס עס איז נאר א ספק ספיקא אויב די רווחים וועלן באמת קומען, כל שכן וקל וחומר ווען א מענטש גייט אין שול דאווענען מיט מנין וואס דאס איז א זיכערע זאך אז דאס ברענגט שפע ברכה והצלחה -
~~~~~~~~~~

דארף מען זיין שטארק אין דעם אוןווארטן ביז מען וועט זען די ניסים וואס דער אייבערשטער וועט מאכן.

בעט דעם אייבערשטן ער זאל דיר פירן אויפן אמת'דיגן וועג, ווייל מען דארף אסאך בעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל זיך נישט לאזן נארן בזה העולם; דער הייליגער רבי האט געזאגט (שיחות הר"ן, סימן נא): "אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מֵאִתִּי, שֶׁלֹּא לְהַנִּיחַ עַצְמוֹ לְהָעוֹלָם לְהַטְעוֹת", דאס זאלט איר מקבל זיין פון מיר, די וועלט נארט אייך, לאזט אייך נישט נארן; דאס הייסט אז א מענטש דארף שטענדיג קוקן אויף זיינע רווחים ברוחניות. פונקט אזוי ווי בגשמיות ווען א מענטש האט א ביזנעס דארף ער זיך שטענדיג נאכפרעגן ביים בוכהאלטער צי די ביזנעס פארדינט אדער דערלייגט, אזוי און נאך מער דארף מען זיך כסדר בודק זיין: 'וואס טו איך אויף דער וועלט?' 'אפשר נַאר איך זיך?' און זען זיך טאקע נישט צו לאזן נארן.

טייערער ... נרו יאיר, רעדט זיך נישט איין אז דו האסט חברים וועלכע וועלן דיר העלפן, א מענטש האט נישט קיינעם אויף דער וועלט נאר דעם אייבערשטן, און נאר די מעשים טובים וואס מען טוט - דאס נעמט מען מיט זיך. מוהרא"ש פלעגט כסדר חזר'ן דעם מאמר חז"ל (תנא דבי אליהו רבה, פרק טו): "לְפִי שֶׁכָּל הַמַּרְבֶּה שִׂיחוֹת וּתְפִלּוֹת, הֵם הַמְלַוִּים אוֹתוֹ עַד שֶׁיַּגִּיעַ לְבֵית עוֹלָמוֹ", אז א מענטש געוואוינט זיך צו צו רעדן צום אייבערשטן און אים דערציילן יעדע זאך וועט אים דאס באגלייטן אויף אייביג; מוהרא"ש זכרונו לברכה האט דאס גע'חזר'ט זיין גאנצע לעבן און דאס שטייט אין אלע זיינע ספרים; א מענטש זאל וויסן אז ער האט נישט קיינעם אויף דער וועלט - נאר דעם אייבערשטן! און ווי מער מען רעדט צום אייבערשטן ווערט מען נענטער צו אים, נאר דאס וועלן מיר מיט נעמען אויף יענע וועלט.

איך וועל דיר זאגן ווער דיין אמת'ער חבר איז, דיין אמת'ער חבר איז "א בלאט גמרא", דאס איז דער בעסטער חבר פאר א מענטש! די בלעטער גמרא העלפן דעם מענטש ווען ער געפונט זיך אין א צרה און זיי אנטלויפן נישט ווען דער מענטש גייט דורך א שווערע צייט.

מוהרא"ש פלעגט דאס שטענדיג זאגן ביי די שיעורים; מען זעט ביי די פרשה פון יהודה און תמר, אז קודם שטייט (בראשית לח, א): "וַיֵּרֶד יְהוּדָה מֵאֵת אֶחָיו", יהודה איז אוועקגעגאנגען פון זיינע ברודער, "וַיֵּט עַד אִישׁ עֲדֻלָּמִי", ער איז געגאנגען צו א מענטש פון שטאט עדולם, נאכדעם שטייט (שם, יב; כ): יהודה האט געשיקט פרעגן "רֵעֵהוּ הָעֲדֻלָּמִי", זיין חבר פון עדולם. פארוואס קודם שטייט סתם "אִישׁ עֲדֻלָּמִי" דער מענטש פון עדולם, און שפעטער שטייט "רֵעֵהוּ הָעֲדֻלָּמִי", זיין חבר פון עדולם? זאגט מוהרא"ש, אז ווען א מענטש גייט אריבער בזיונות, ממש מענטשן שעמען זיך צו רעדן

מיט אים, דעמאלט קען מען זען צי מען האט חברים; אויב איינער רעדט מיט דיר ווען דו האסט אלעס פארלוירן און דו ביסט איינער אליין וכו' וכו' - דאס איז א חבר. יעצט איז שוין זייער פארשטענדליך די סדר פון די פסוקים, ווייל אנהייב ווען יהודה האט געטראפן א חבר פון עדולם, רופט אים נאכנישט די תורה אן "רֵעֵהוּ הָעֲדֻלָּמִי", ווייל ווען עס גייט גוט פארן מענטש, ער האט מענטשן ארום זיך און דעמאלט דריידט מען זיך מיט אים - דאס איז נאך נישט קיין חבר, אבער שפעטער ווען יהודה האט מיטגעמאכט זיין פרשה און ער האט געזוכט אן עצה, ער האט געזאגט "תִּקַּח לָהּ, פֶּן נִהְיֶה לָבוּז", עס וועט זיין דא בזיונות, דאך האט ער ווייטער מסכים געווען צו העלפן יהודה - דאס הייסט "רֵעֵהוּ הָעֲדֻלָּמִי", דאס הייסט א 'חבר'.

די הייליגע גמרא וועט בלייבן דיין חבר אין דיינע שווערסטע מצבים. די תורה איז די בעסטע חבר, נעם איר פאר א חבר און אין איר זאלסטו זיך באהאלטן ווען עס איז דיר ביטער; גלייב מיר, עס איז נישט דא קיין בעסערע פלאץ וואו צו אנטלויפן ווען מען האט א צרה ווי צו די הייליגע תורה, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תנא דבי אליהו, פרק ו): "אִם רָאִיתָ שֶׁהַיִּסּוּרִין מְמַשְׁמְשִׁין וּבָאוֹת עָלֶיךָ, רוּץ לְחַדְרֵי דִּבְרֵי תּוֹרָה, וּמִיָּד הַיִּסּוּרִין בּוֹרְחִין מִמְּךָ", אויב דו זעעסט אז עס קומען אויף דיר צרות און יסורים, זאלסטו אנטלויפן צו די הייליגע תורה און דורכדעם וועסטו געראטעוועט ווערן.

נעכטן נאכט בין איך ארויס געפארן קיין קרית יואל וואו אנשי שלומינו זענען זיך צוזאמגעקומען פראווען דעם סעודת הודאה לרגל "כ"א כסליו" - דעם טאג וואס רבינו הקדוש מסאטמאר זכותו יגן עלינו איז ניצול געווארן פון די עמלקים, די דייטשן ימח שמם וזכרם.

דער סעודה איז געווען צוזאמען מיט א סיום אויף 'מסכת מנחות'; גלייב מיר איך בין נאך נישט געקומען צו די כוחות פון מיין נסיעה קיין ארץ ישראל און קיין אומאן, אבער אז איך האב תלמידים וואס קומען זיך צוזאמען יעדע נאכט לערנען דעם דף גמרא האב איך אלעס אוועק געלייגט און ארויס געפארן זיי מחזק זיין, ווייל דאס איז מיין גאנצע שטרעבן: אריין ברענגען אין אלע תלמידים צו לערנען יעדן טאג די הייליגע תורה, בפרט לימוד גמרא וואס דאס פארברענט אלע קליפות.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

איך האף דיר צו זען היינט נאכט ביים שיעור.

...

~~~~~~~~~~

**מ'דארף נישט גיין צו יעדע חנוכה מסיבה.**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת וישב, כ"א כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן
~~~~~~~~~~

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך פריי מיר זייער צו הערן אז דו האסט הנאה געהאט פון די דיבורים וואס מיר האבן גערעדט נעכטן נאכט כ"א כסליו אין קרית יואל, אזוי אויך אז דיין ווייב תחי' איז ארויס קלאר וואס ענק האבן צו טון בענין די חנוכה מסיבות.

אז עס קומט ענק אן שווער צו גיין צו מסיבות ווייל ענק האבן קליינע קינדער אין שטוב, און די מסיבה שלעפט זיך אריין ביז שפעט אויף דער נאכט וואס דאס איז גורם אז די קינדער גייען ארויס פון זייער געווענליכן סדר היום וכו', און דאס קלאפט אויס שווער אויף ענק - דארפן ענק נישט גיין.

ווער נישט דערשראקן ווען מען זאגט דיר: "דו צעברעכסט די משפחה", מיט דעם וואס דו קומסט נישט צו די מסיבות וכו', מאך זיך נישט צו טון פון דיינע געשוויסטער וואס טיידלען מיט די פינגער אויף ענק אז ענק מאכן צער פאר טאטע און מאמע מיטן זיך נישט באטייליגן ביים "משפחה שבת"; ווייל אויב איינער פון די משפחה מאכט אפ אז מען מוז אוועקפארן אויף שבת וכו', מיינט דאס נאכנישט "כיבוד אב ואם".

דיין כיבוד אב ואם זאל זיין אז דו זאלסט יעדן טאג גיין אין בית המדרש דאווענען שחרית, מנחה און מעריב מיט מנין; דאס איז אונזער כיבוד אב ואם! אז דו העלפסט ארויס דיין ווייב זיך פארען מיט די קינדער - דאס איז כיבוד אב ואם.

א גוט שבת.

...

~~~~~~~~~~

**אפגעהאקט קשרים צוליב ברסלב.**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת וישב, כ"א כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

**מרת ... תחי'.**

אייער מאן ... נרו יאיר האט מיר דערציילט וואס עס גייט אריבער אויף אייך פון אייערע עלטערן; מען האט אפגעהאקט אלע קשרים מיט אייך - סיי אייערע עלטערן און אזוי אויך אייערע געשוויסטער - קיינער רעדט נישט מיט אייך צוליב דעם חטא אז איר זענט מקורב געווארן צום רבי'ן און איר ווילט אויפציען א שיינע שטוב, ערליכע אידישע דורות. איך האב פון דעם גרויס ווייטאג און עס טוט מיר זייער וויי.

אייער ווייטאג איז טאקע גרויס, אבער פון דער אנדערע זייט זענט איר זייער גליקליך אז איר האט א טייערע מאן נרו יאיר און ליכטיגע קינדער; איר האט א ערליכע שטוב און אווארימע שטוב. אייער מאן פירט זיך מיט יראת שמים און ער איז קובע עיתים לתורה, דעריבער איז אייער צרה נישט אזוי גרויס.
~~~~~~~~~~

אמת, עס טוט טאקע ווי אבער דאך האט איר אן ערליכער מאן; וויפיל פרויען וויינען אז זיי האבן נישט קיין מאן, זייערע מענער זענען אריין געטון אין נארישקייטן און קומען נישט אהיים, און אפילו ווען זיי קומען שוין יא אהיים איז זייער מח נישט מיט די ווייב און קינדער.

איך וואונטש אייך א ליכטיגן חנוכה.

...

~~~~~~~~~~

**אז מען איז פריילך שבת האט מען נאכדעם א פרייליכע וואך.**

בעזהשי"ת - עש"ק פרשת וישב, מברכים החודש, כ"ב כסליו, שנת תשע"ט לפ"ק

**לכבוד ... נרו יאיר**

דער וואך שבת הייבט שוין אן צו שיינען די ליכטיגקייט פון חנוכה, אזוי ווי עס איז באוויסט אז אלעס וואס גייט זיין אינעם קומענדיגן וואך הייבט זיך אן שבת; דער זוהר הקדוש זאגט (פרשת יתרו, פח:): "כָּל בִּרְכָאן דִּלְעֵילָא וְתַתָּא", אלע ברכות וואס קומען אויפן מענטש, "בְּיוֹמָא שְׁבִיעָאָה תַּלְיָן", קומט בזכות שבת; דעריבער אזוי ווי דעם קומענדיגע וואך גייען מיר אריין אין די חנוכה טעג, זונטאג נאכט גייען מיר שוין צינדן דעם ערשטן ליכטל אין די הייליגע מנורה, ממילא הייבט זיך שוין אן אלע ליכטיקייטן פון דעם שבת.

דערפאר בעט איך דיר דו זאלסט זיין פריילך; פראביר מיט אלע דיינע כוחות צו זיין פריילך און מאך פריילך אין שטוב. זיי נישט אזוי באבלאזן ווייל קיינער קומט דיר גארנישט; מאך פריילך דיין ווייב און קינדער, און געדענק וואס דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן יז): "צָרִיךְ לִזָּהֵר מְאֹד לִהְיוֹת שָׂמֵחַ וְטוֹב לֵב בְּשַׁבָּת", שבת דארף מען זיין זייער פריילך.

מוהרא"ש פלעגט שטענדיג זאגן: "זיי קלוג - נישט גערעכט"; מיט אביסל שכל קען מען איבערדרייען דאס גאנצע שטוב פאר א 'גן עדן' ממש, אבער ווען מען זוכט נאר צו זיין גערעכט ווערט די שטוב א 'גיהנום'.

גיי ארום מיט א שמייכל אפילו דו האסט נישט אויף וואס צו שמייכלען; דער הייליגער רבי האט געזאגט פאר איינעם וואס איז אים געקומען זאגן אז ער האט נישט קיין כח צו דאווענען, האט אים דער רבי געזאגט: "מען שניצט זיך א רוגז"; דאס הייסט אז מען מאכט זיך ווי מען האלט דערביי און נאכדעם האלט מען שוין דערביי, דאס זעלבע איז ביי שמחה: "מאך זיך פריילך", וועסטו זען אז דו וועסט ווערן פריילך.

איך שיק דיר אויך א בריוו פאר דיין ווייב תחי'.

א גוט שבת.
~~~~~~~~~~

...

~~~~~~~~~~

**אז די מאמע איז פריילך איז די גאנצע משפחה פריילך**

בעזהשי"ת - עש"ק פרשת וישב, מברכים החודש, כ"ב כסליו, שנת תשע"ט לפ"ק

מרת ... תחי'.

פראבירט מיט אלע כוחות צו זיין פריילך און אויפנעמען דעם הייליגן שבת מיט שמחה; ווייל אז די מאמע איז פריילך זענען אלע קינדער פריילך און זיכער דער מאן.

עס איז נישט קיין קונץ זיך צו צעברעכן, א קונץ איז זיך אויפצוהייבן; פון קרעכצן וועט איר גארנישט האבן, איין זאך קומט ארויס פון קרעכצן און וויינען: "באבלאזענע קינדער". דערפאר זאלט איר זיך איבערבעטן מיט אייער מאן און אנהייבן א נייע בלעטל אין לעבן; עס קומט שבת איז א שאד זיך צו קריגן, בעטס אים איבער וועט דער אייבערשטער אייך אויך מוחל זיין.

ביי אונז פירט מען זיך צו צינדן פיר ליכט וואס איז קעגן דעם שם הוי"ה און נאך צוויי ליכט פון אויל פאר זכור ושמור, נאכדעם פאר יעדן קינד לייגט מען צו א ליכט.

בשעת א פרוי צינדט ליכט איז א גרויסע עת רצון אין הימל, ווען פרויען וואלטן געוויסט ווי חשוב עס איז אין הימל אירע תפילות וואלט מען געבעטן דעם אייבערשטן אויף יעדע זאך נאכאמאל און נאכאמאל ביזן זען די ישועה.

זעטס אז אייערע קינדער זאלן שלאפן מיט א קאפל און א טלית קטן וועלן זיי זיין געזונט און שטארק און אפגעהיטן פון אלעם שלעכטס.

איך וואונטש אייך א פרייליכן שבת.

...

~~~~~~~~~~

# ~~~ שאלות ותשובות ~~~

## קינדער זענען נישט חברים מיט די עלטערן.

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א

קודם כל א גרויסן יישר כח פאר די הערליכע קלארע שיעורים. איך הער עס אויס יעדע נאכט, און עס געבט מיר אמת'ע חיזוק און חשק פאר'ן קומענדיגן טאג. דער אייבערשטער זאל אייך געבן ווייטער כח אנצוגיין מיט די הייליגע ארבעט.

דער הייליגער רבי זאגט (שיחות הר"ן סימן נ"ט) אז ס'איז א סגולה פאר קינדער אז מען זאל נישט צופיל שפילן מיט זיי, איך האב געוואלט פארשטיין פשט אין דעם, און ווי אזוי דאס ארבעט.

יישר כח.

**תשובה:**

**בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת וישב, י"ט כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן**

**מרת ... תחי'.**

**איך האב ערהאלטן אייער בריוו.**

**דאס וואס איר פרעגט פשט אין די ווערטער וואס דער רבי זאגט** (שיחות הר"ן, סימן נט): **"מְסֻגָּל יוֹתֵר לַבָּנִים לִהְיוֹת רָחוֹק מֵהֶם לִבְלִי לִהְיוֹת דָּבוּק בָּהֶם, לְשַׁעֲשֵׁעַ בָּהֶם בְּכָל פַּעַם, רַק לִבְלִי לְהִסְתַּכֵּל עֲלֵיהֶם כְּלָל", עס איז א סגולה פאר די קינדער מען זאל זיך נישט צו סאך שפילן מיט זיי און זיי נישט צערטלען; איר ווילט דאס פארשטיין.**

**וויסן זאלט איר אז קינדער נוצן אויס די שוואכקייט פון די עלטערן; היות עלטערן האבן זייער ליב זייערע קינדער און שפילן זיך מיט זיי וכו' דערפאר שפירן די קינדער ווי די עלטערן זענען זייערע חברים, דאס ברענגט אז זיי זאלן טאנצן און שפרינגען אויף די עלטערנס קאפ און זיי נישט פאלגן. אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן** (ברכות לב.): **"א לייב ברומט נישט ווען מען געבט אים צו עסן שטרוי, ער ברומט ווען ער עסט פלייש"; דער כלל זאלט איר גוט געדענקען: "ווי מער מען געבט פאר איינעם, אלץ מער שטויסט ער נאכדעם", ווי מער מען געבט פאר קינדער אלץ מער שטויסן זיי נאכדעם די עלטערן; דעריבער האט דער רבי געזאגט אז מען זאל זיך נישט צופיל שפילן מיט די קינדער ווייל דאס וועט מאכן אז זיי זאלן נישט אויפוואקסן וכו'.**

**עס איז זייער א שווערע שיחה מקיים צו זיין, ווייל ווער האט נאך אזוי ליב קינדער ווי זייערע עלטערן, דערפאר שפילט מען זיך מיט זיי וכו' וכו' און די קינדער נוצן דאס נאכדעם אויס. צום ביישפיל, ווען עס קומט צו לייגן שלאפן די קינדער קען מען זיי נישט לייגן שלאפן ווייל זיי פאלגן נישט וכו' און נאכדעם קען מען נישט אויפשטיין צייטליך.**

נאך א שיחה איז דא פון רבי'ן: "א קינד קישט מען נישט און א קינד שלאגט מען נישט"; מוהרא"ש איז מסביר אז דאס גייט צוזאמען, ווי מער מען קישט - דאס הייסט מען שפילט זיך מיט די קינדער ווי חברים ווערן זיי מער צעווילדעוועט, זיי פאלגן נישט ווען מען רעדט צו זיי, ביז מען הייבט זיי אן צו שלאגן; אז מען וואלט נישט אנגעהויבן מיט קישן וואלט מען נישט געדארפט שלאגן.

אויב עלטערן ווילן מצליח זיין מיט זייערע קינדער דארפן זיי ווייזן פאר די קינדער אז זיי זענען נישט זייערע חברים; קינדער דארפן וויסן אז טאטע מאמע זענען נישט זייערע חברים. א ווארט פון טאטע איז א ווארט; "יא" איז "יא", און "ניין" איז "ניין".

פארשטייט זיך אז מען דארף אסאך בעטן דעם אייבערשטן אויף גוטע קינדער, און עלטערן דארפן פארגיסן טרערן פאר די קינדער; קינדער זענען צוגעגליכנט צו ביימער, ווי מער מען באוואסערט זיי מיט תפילות אלץ שענער ווערן זיי וואקסן.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~

## ווי אזוי דארף מען מדריך זיין כלות?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך מיט מיין מאן הערן כסדר אויס אייערע שיעורים, פול מיר חיזוק און יראת שמים, דאס געבט אונז פילע גוטע עצות און חיזוק אין לעבן, א גרויסן יישר כח.

איך געב שיעורים פאר כלות און ווייבלעך, איבער די נושא אז א פרוי דארף זיין א מקבל. דער אייבערשטער האט באשאפן אזוי אז דער מאן זאל זיין דער געבער און די פרוי די נעמער. נישט ווי ס'זענען דא פרויען וואס מיינען אז די ראלע פון א פרוי איז צו געבן פאר'ן מאן ליבשאפט און חיזוק, דער אמת איז פארקערט אז דער מאן איז דער וואס דארף געבן, און די פרוי דארף עס נעמען און הנאה האבן דערפון, און אויף דעם וועג האבןביידע אינאיינעם א גליקליך לעבן.

האב איך געוואלט פרעגן אויב דער וועג וואס איך לערן אויס איז טאקע דער תורה'דיגער וועג, דאס איז טאקע דער ריכטיגער וועג ווי אזוי אידישע קינדער דארפן לעבן? און אויב יא, אפשר קענט איר מיר פארברייטערן איבער די נושא, מיט מקורות און ענינים איבער דעם?

א גרויסן יישר כח

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת וישב, י"ט כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן

מרת ... תחי'.

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.
~~~~~~~~~~~

וואויל איז אייך אז איר זענט מדריך כלות ווי אזוי צו לעבן א אידיש לעבן על פי תורה; דער עיקר וואס מען דארף לערנען מיט כלות איז הלכות טהרה ווי אזוי צו האלטן און מקיים זיין אלע הלכות, אבער חס ושלום צו לערנען מיט זיי חומרות פון פרישות. די אלע כלה טיטשערס וואס לערנען מיט כלות חומרות פון פרישות זענען עתיד ליתן את הדין; זיי זענען שולדיג אין רוב גט'ן, זיי זענען שולדיג אז מען טרעפט טייערע אינגעלייט אין פלעצער וואו מען טוט עבירות רחמנא לצלן, וואס דאס קומט נאר ווייל מען לערנט פאלשע הדרכות מיט די כלות.

די מדריכים און מדריכות וואס לערנען פרישות וכו' און שרעקן אן די חתנים און כלות מיט קראנקע קינדער וכו', הגם זיי שטעלן זיך ארויס ווי חשוב'ע מענטשן זענען זיי אבער שלוחים פונעם סמ"ך מ"ם; דער סמ"ך מ"ם ציטערט ווען א בחור ווערט א חתן און א מיידל ווערט א כלה, ווייל ווען מען האט חתונה האט ער מער נישט קיין שליטה אויפן מענטש, דערפאר האט ער זיך געטראפן אן עצה: ער רעדט איין די חתנים און כלות זיי זאלן זיך פירן מיט פרישות און אזוי האט ער זיי ווייטער אונטער זיך.

א) דעריבער אז איר שרייבט אז איר לערנט מיט כלות איז די די ערשטע זאך וואס איר דארפט אכטונג געבן: "נישט צו לייגן קיין שום חומרא און קיין שום הנהגה וואס צדיקים האבן זיך געפירט - אויף אונז פשוט'ע מענטשן".

ב) צווייטנס, דאס וואס איר לערנט מיט די כלות אז די פרוי איז די מקבל און דער מאן דארף זיין דער משפיע - דאס איז אמת ויציב; אזוי האט דער אייבערשטער באשאפן די וועלט, דער מאן איז דער וואס דארף געבן ליבשאפט און זיכערקייט וכו' וכו' פאר די ווייב. אבער דאס דארף מען לערנען מיט חתנים נישט מיט כלות; פאר חתנים דארף מען אויסלערנען צו זיין א געבער, געבן ליבשאפט און גוטע ווערטער אז די כלות זאלן מסכים זיין צו נעמען ליבשאפט, דאס דארף מען אבער נישט לערנען מיט כלות, זיי וועלן דאס אליינס טון אויך אן אייערע שיעורים.

אדרבה לערנט אויס פאר די כלות אז עס מאכט זיך צייטן און פעלער ווען די ווייב דארף זיין די וואס גיבט ליבשאפט; ווען מען זעט אז דער מאן איז א שברי כלי, ער איז צעבראכן, דאס לעבן גייט אים נישט ווי געפלאנט, ער מוטשעט זיך מיט פרנסה, ער מוטשעט זיך מיט זיינע שוועריקייטן און ער פאלט אריין אין א צעבראכענקייט, דאן זאל זי זיין די וואס איז משפיע אויף אים - אים אויפהייבן און דערמוטיגן.

ג) לערנט אויס די כלות וואספארא כח א ווייב האט; חכמינו זכרונם לברכה דערציילן (בראשית רבה יז, ז): "מַעֲשֶׂה בְּחָסִיד אֶחָד", עס איז געווען א מעשה מיט א חסיד וואס האט געהאט א ערליכע פרוי און זיי האבן נישט זוכה געווען צו קינדער, האבן זיי

אפגעמאכט צווישן זיך אז וויבאלד זיי האבן נישט קיין קינדער ועלן זיי זיך גט׳ן און אזוי האבן זיי געטון, ״הָלַךְ זֶה וְנָשָׂא רְשָׁעָה אַחַת, וְעָשְׂתָה אוֹתוֹ רָשָׁע״, דער חסיד האט חתונה געהאט מיט נישט אן ערליכע פרוי און מיט די צייט האט זי אים געמאכט פאר א רשע, ״הָלְכָה זֹאת וְנִשֵּׂאת לְרָשָׁע אֶחָד, וְעָשְׂתָה אוֹתוֹ צַדִּיק״, ווידער די ערליכע פרוי האט חתונה געהאט מיט א מאן א רשע און זי האט אים געמאכט פאר א צדיק, ״הֱוֵי, שֶׁהַכֹּל מִן הָאִשָּׁה״, זעט מען פון דעם אז די פרוי האט מורא׳דיגע כוחות, זי קען איבער דרייען איר מאן אים מחזק זיין און אים אויפהייבן.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט מצליח זיין מיט אלע אייערע תלמידות.

...